בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ואתחנן תשע"ט | שבת נחמו | גליון 516 [שנה י"א]

**דאווענען דארף מען בעטן פאר א מתנת חינם**

וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר: (ג כג) איז שווער וואס פאסט דא דיווארט לֵאמֹר, ווייל אלעמאל ווען עס שטייט לֵאמֹר, מיינט דאס דער אויבערשטער האט געזאגט א זאך צו משה אז ער זאל דאס איבער זאגן צו די אידן, אבער וואס מיינט דא אז ער זאל דאס איבערגעבן? נאר וָאֶתְחַנַּן זאגט רש"י "אין חַנּוּן בכל מקום אלא לשון מַתְּנַת חִינָּם. אף על פי שיש להם לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים", דער לשון חַנּוּן מיינט א מַתְּנַת חִינָּם, האט געהאט גענוג זכותים פונדעסטוועגן האט ער געבעטן אז זיינע תפילות זאלן געענטפערט געווארן אלץ א מַתְּנַת חִינָּם, ממילא דער לֵאמֹר איז געווען דאס צו זאגן פאר כלל ישראל לדורות, אז מען דארף נאר מתפלל זיין און בעטן פאר א מַתְּנַת חִינָּם, און דאס מיינט וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה: וַיֹּאמֶר ה' אֵלַי "רַב־לָךְ" דאס וועט זיין א גרויסער זכות פאר דיר, אז די אידן וועלן וויסן אז אלע תפילות דארף מען בעטן א מַתְּנַת חִינָּם, און אַל־תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה, און מען זאל נישט מתפלל זיין ווייל עס קומט עפעס פאר דעם מענטש. און אויב מען וועט אזוי דאווענען, וועט מען קומען צו די מדריגה פון ענוה, אז מען איז באמת גארנישט, און דער אויבערשטער וועט ענטפערן מיט א מַתְּנַת חִינָּם. (אך פרי תבואה ליסקא)

**רב לך: דברי תורה ששמע משר שלום מבעלזא**

וַיֹּאמֶר ה' אֵלַי רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה: (דברים ג כב) שמעתי מפה קדשו דהרה"ק ר' שלום מבעלזא זצוק"ל איז מפרש דעם פסוק: עס שטייט אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה אז ער האט שוין געמאכט א שבועה אז ער וועט נישט אריין גיין קיין ארץ ישראל, האט משה רבינו געבעטן אז דער אויבעשטער האט מתיר געווען די שבועה וואס משה האט משביע געווען יתרו אז ער זאל נישט גיין קיין ארץ מצרים, און די שבועה האט דער אויבערשטער מתיר געווען! האט אים דער אויבערשטער געענטפערט רַ"ב לָךְ אַל תּוֹסֶף: דיין שבועה האב איך געקענט מתיר זיין, ווייל רַ"ב לָךְ, איך בין גרעסער פון דיר, אבער מיין שבועה, ווער קען דאס מתיר זיין כביכול. איי ווערסטו פרעגן מי מושל בי צדיק, אויף דעם האט דער אויבערשטער געזאגט, אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד, אפילו דו האסט א טענה: פון דעסטוועגן בעט איך פון דיר זאלסט מער נישט רעדן וועגן דעם. און משה האט געפאלגט. (בני יוסף בנימין רייך העליטש)

**כפה עליהם הר כגיגית גייט אויף די קינדער**

וְאֶת־בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן: וַתִּקְרְבוּן וַתַּעַמְדוּן תַּחַת הָהָר: (ד י–יא) דארף מען פארשטיין וואס איז די שייכות פון בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן: צו וַתַּעַמְדוּן תַּחַת הָהָר? נאר עס שטייט אין גמ' (שבת דף פח ע"א) אויפן פסוק וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר: (שמות יט יח) מלמד שֶׁכָּפָה הַקָּבָּ"ה עֲלֵיהֶם אֶת הָהָר כְּגִיגִית ואמר להם אם אתם מקבלין התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם. פרעגט תוס' ד"ה כָּפָה, פארוואס האט מען גענדארפט צווינגען די אידן בשעת זיי האבן אליין געזאגט נעשה ונשמע עיי"ש? מיט דעם קשיא קען מען פארשטיין אונזער פסוק: ווייל עס שטייט תַּחַת הָהָר, און דאס מיינט דאך אז שֶׁכָּפָה הַקָּבָּ"ה עֲלֵיהֶם אֶת הָהָר כְּגִיגִית, מיט דעם קען מען מפרש זיין די שייכות פון לערנען דיינע קינדער צו וַתִּקְרְבוּן וַתַּעַמְדוּן תַּחַת הָהָר, ווייל ווערסטו דאך פרעגן פארוואס איז געווען כָּפָה ווען מען האט געזאגט נעשה ונשמע, איז דער תירוץ: דער כָּפָה עֲלֵיהֶם איז וועגן וְאֶת־בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן: א לימוד אז דיינע קינדער שפעטער וואס האבן נישט געזאגט נעשה ונשמע, און אויב זיי וועלן נישט וועלן לערנען, הייסט די תורה אז אויף דעם דארף זיין כָּפָה, און זיי צווינגען צו לערנען. [עס שטייט חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ, אבער אויך חֲנֹךְ עַל פִּי דוֹרוֹ, נאר בדרכי נועם און מיט א גוט ווארט.] (הרי בשמים גינז בודאפעסט)

**פרק מ"ד]** א ווינקל אין הלכה – נוסח בִּרְכַּת אֲשֶׁר יָצַר: חֲלוּלִים חֲלוּלִים

דער נוסח פון בִּרְכַּת אֲשֶׁר יָצַר שטייט אין גמ' (ברכות דף ס ע"ב) בָּרוּךְ אֲשֶׁר יָצַר אֶת הָאָדָם בְּחָכְמָה, וּבָרָא בוֹ נְקָבִים נְקָבִים, "חֲלָלִים חֲלָלִים" וכו'. שטייט אין טור (או"ח סי' ו) ויברך בִּרְכַּת אֲשֶׁר יָצַר וכו' חֲלוּלִים חֲלוּלִים. ולא יאמר חֲלָלִים חֲלָלִים. רמז לדבר חֲלוּלִים חֲלוּלִים עולה רמ"ח כחשבון איברי האדם, אזוי שטייט אויך אין שו"ע און אין דער ב"י און מגן אברהם און ט"ז. איי עס שטייט אין גמ' הנ"ל חֲלָלִים? שרייבט דער ב"ח אז דער רי"ף, רא"ש און רמב"ם אלע האלטן אז מען זאגט חֲלוּלִים און עס איז א טעות הדפוס אין גמ', און דער ב"י ברענגט א ראי' ווייל ביי א חלל איז נישט שייך א בריאה. זעט מען אז רוב פוסקים האלטן אז מען זאגט חֲלוּלִים, לענ"ד לכאורה איז דא א ראי' צו די אלע שיטות פון א גמ' (ברכות דף כד ע"ב) וואס שטייט וז"ל ואומר רבש"ע יצרתנו נְקָבִים נְקָבִים, חֲלוּלִים חֲלוּלִים גָּלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ וכו' דא איז מען גורס חֲלוּלִים. ממילא קען מען שוין זאגן אז די גמ' דף ס' איז א טעות המדפיס, און עס וועט נישט זיין קיין סתירת הגמ'.

עס איז דא א באזונדערע שמועס ווען דעם לשון גָּלוּי וְיָדוּעַ לְפָנֶיךָ אדער גָּלוּי וְיָדוּעַ לִפְנֵי כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ, דער אבודרהם איז מסביר ווייל די אלע נשמות ישראל נעמט מען פון תחת כִּסֵּא הַכָּבוֹד, דעריבער זאגט מען כִּסֵּא כְבוֹדֶיךָ ביי דער בריאת האדם, און אין דעם כִּסֵּא כְבוֹדֶיךָ איז דא א מחלוקת: רוב וועלט און נוסח אשכנז זאגן כִּסֵּא כְבוֹדֶיךָ, און דער סידור הר' יעקב עמדין און דער פרי מגדים (אשל אברהם סי' ז סק"א) האלטן אז מען זאגט כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ, און אזוי איז נוסח קארלין סטאלין. און נהרא נהרא ופשטיה, יעדער לויט זיין מנהג. (שמח זבולון תשע"ט)

**א נייע ווינקל: ידיעות וועגן פריערדיגע ספרים און מחברים [פרק ו]**

**עצי אלמוגים על שולחן ערוך אורח חיים**

הגאון רבי נח חיים צבי -חיים הירש- איז געבוירן שנת תצ"ד צו זיין טאטע הגאון רבי אברהם מאיר ברלין בן הגאון ר' שמואל זאנוויל מהלברשטאט זצ"ל. ער איז געווען רב אין פיורדא, מגנצא, און אין מיינץ, וואו ער האט געעפנט א גרויסע ישיבה פאר הונדערטער בחורים און ער איז די בחורים און זייער לערנען, שטארק משבח אין זיין ספר. ער האט מחבר געווען ספר עצי אלמוגים אויף הל' נטילת ידים און הל' עירובי חצירות דורך געטאן אלע סוגיות פון בבלי און ירושלמי און אויך א ביאור אויף שניות לעריות מס' יבמות, דאס האט ער געדרוקט אין פיורדא שנת תקל"ט, עצ"י איז בגימט' חיים צבי. אין תשע"א איז דאס געדרוקט מיט צוויי בענדער בתכלית היופי. נאך א ספר עצי ארזים איז אויף שו"ע אבן העזר געדרוקט אויך אין פיורדא שנת תק"ן, עס קוקט אויס לענ"ד אז נח האט מען אים צו געלייגט שפעטער, ווייל שנת תקל"ט אין עצי אלמוגים רופט ער זיך אן חיים צבי, און תק"ן אין עצי

ארזים רופט ער זיך נח חיים צבי. שנת תקס"ד האט זיין תלמיד מובהק הגאון ר' שמשון וואלף היידנהיים ארויסגעגעבן זיין ספר מעין החכמה אויף תרי"ג מצוות אין רעדלהיים, א שיינע היקף פון ש"ס אויף די מצות. עס זענען דא הגהות פון אים אין ש"ס מס' שבועות אויך איז דא א פירוש הרוו"ה אויפן מחזור פון זיין תלמיד ר' וואלף היידנהיים, ר' נח חיים צבי איז נסתלק געווארן ג' אדר ב' שנת תקס"ב. (שמחה זבולון תשע"ט)

## מדור העובדות

## דער הייליגער בעלזא רב דערציילט א מעשה און פראוועט א ישועה

הרה"ק ר' ברוך הגר דער מקור ברוך פון סערעט זצוק"ל איז געווען א איידעם בזווו"ר ביים בעלזא רב הרה"ק ר' ישכר דוב זצוק"ל, ער האט דערציילט אז ער איז אמאל געווען ביי זיין שווער אין בעלזא און עס איז אריין געקומען א איד וואס האט געוואוינט אין א דארף און דארטן איז געווען א איד א מסור וואס האט נישט געהאט קיין שום רחמנות און וואו ער האט געקענט האט ער געמסר'ט אויף די אידן פון דארף און זיי געמאכט צרות ביי די מלוכה, און עטליכע משפחות זענען ליידער געווען אין תפיסה צוליב זיינע מסירות. דער איד איז געקומען בעטן דעם רבין אז ער זאל טאן עפעס אז די דארף'ס אידן זאלן שוין פטור ווערן פון דעם רשע און זיינע מסירות.

דער רב האט אים געפרעגט צו מען האט עפעס געטאן וועגן דעם אין די קהילה? האט דער איד געענטפערט אז די ראשי הקהילה האבן געזעצן אסאך אסיפות און מען האט יעצט געשיקט א משלחת צום מסור ער זאל שוין מרחם זיין אויף זיי, אבער ער האט זיך אויס געלאכט און געסטראשעט אז ער וועט נאך מאכן ערגערע צרות רח"ל. דער מקור ברוך האט געזען ווי דער רבי איז געווארן זייער ערנסט, און נאך אפאר מינוט רופט זיך אן דער רבין צום איד: הער זיך גוט צו א מעשה וואס איז געשען ביים הייליגן צדיק דער שָׂרָף ר' אורי מסטרעליסק זצוק"ל:

איינמאל איז געקומען צום שָׂרָף א קבוצה חסידים ואנשי מעשה פון א שטעטל אויף א שבת, זיך צו אנווארעמען פון הייליגן צדיק, במשך פון שב"ק האט דער שרף בכלל נישט געקוקט אויף די חסידים און נישט געגריסט, כאילו זיי זענען נישט געווען דארט, פארשטייט זיך אז די חסידים האבן געהאט גרוים עגמת נפש וועגן דעם און האבן נישט געקענט פארשטיין וואס האבן זיי געטאן וואס עס קומט זיי אזא זאך!

מוצאי שב"ק זענען זיי אריין צום שרף זיך געזעגענען, און אויסגיסן זייער הארץ ביים שרף, וואס איז זייער חטא! האט דער שרף זיי דערציילט: ביי אייך אין שטאט איז געווען א מסור וואס האט געמאכט גרויסע צרות פאר די אידן און מען האט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט אים, סיי מיט גוטן'ס און סיי מיט שלעכטס'ס, און ער איז נאך געווארן מער שלעכט, אז עס איז געווען א שרעק דארטן צו וואוינען, ביז דעם שמחת תורה איז דער עולם געווען פריילאך און גוט געטרונקען, איז א גאר פשוטער איד וואס איז געווען גוט אנגעטרונקען, האט נישט געקענט אויסהאלטן וואס דער מסור מאכט אזעלכע צרות און ער האט געטאן למעשה, ער האט גענומען דעם שווערן קופערנע לייכטער פון שול און איז צו געגאנגען צום מסור אין שטוב און אים געהאקט אויפן קאפ און אים אוועק געלייגט, און איז אוועק צוריק אין שול און קיינער האט נישט געוואוסט ווער האט דאס געטאן און דער שטעטל איז געווארן פטור פון מסור. רופט זיך אן דער שרף: אזא מצוה פון ובערת הרע מקרביך האט זוכה געווען צו מקיים זיין אזא פשוטער איד און פארוואס האט איר דאס נישט געטאן?

דער בעלזא רב ענדיגט די מעשה און זאגט פארן איד פון דארף פאר אהיים לחיים ולשלום, אלעס וועט זיין גוט. דער מקור ברוך וואס איז געווען דארט האט פארשטאנען אז דער דארף'ס איד איז נישט קיין חכם, און ער האט געציטערט אז דער איד וועט דערציילן פאר זיין דארף וואס דער בעלזא רב האט אים דערציילט און אזוי וועט דאס אנקומען צום מלכות און מען וועט אנקלאגן דעם בעלזא רב אז ער רייצט אן די אידן צו הרגענען דעם מסור!

דער מקור ברוך איז געגאנגען צום גבאי פון רב און זיך אויסגערעט זיין הארץ: וואס טוט מען דא? האט דער גבאי געענטפערט דער מענטש וועט אפילו נישט פארשטיין און געדענקען וואס דער רב האט אים געזאגט! אבער דער מקור ברוך איז נישט געווען רוהיג, און איז שנעל געפארן צום באן און אפווארטן דעם איד, ווען דער דארף'ס איד איז דארטן אנגעקומען פרעגט אים דער מקור ברוך וואס טוסטו דא אין בעלזא? האט ער דערציילט אז ער איז געקומען צום רב וועגן א מסור פון זיין דארף, און וואס האט דער רב דיר געענטפערט? ענטפערט דער איד אז ער האט מיר דערציילט א מעשה פון א שטאט סטרעליסק און א מסור, און איך הייב נישט אן צו פארשטיין וואס האט צוטאן א מעשה פון א מסור אין סטרעליסק מיט מיר! גענוג אז אונז האבן א מסור, וואס גייט מיר אן אז אין סטרעליסק איז אויך געווען א מסור!

דער מקור ברוך איז געווארן בארוהיגט אז דער איד איז טאקע א תמים און ער האט נישט פארשטאנען וואס דער רב האט אים געזאגט, און אז מען האט נישט וואס מורא צו האבן! און האט אים געגעבן א ברכה לחיים ולשלום, דער מקור ברוך האט שפעטער אויס געפונען אז אין יענע צייט וואס דער בעלזא רב האט דערציילט די מעשה, איז דער מסור ארויס געפאלן פון זיין וואגן, און נישט געווען בין החיים. דעם דערציילן די מעשה האט אוועק געלייגט דער מסור און דעם דארף האט געלעבט מיט מנוחה זיע"א.

**דער גליון איז מוקדש לע"נ און פליאצניק הבחור החשוב יונתן ע"ה בן יחזקאל בנימין ראב' נ"י ' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב!**


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה**

**לויט דעם פארלאנג פון רבנים וועלן מיר נישט שרייבן פרייזן דא וועגן א שאלה פון שבת. מיר האבן א געדרוקטע רשימה פון אונזערע ספרים מיט פרייזן און מיר קענען אייך דאס שיקן אויף אימייל**

טור או"ח תר"ם מיט הגהות משפחת טשענגער, ספר באלאנגט צו הגאון ר' מאיר שפירא, ספר בנימין זאב וואס האט באלאנגט צום תפארת שלמה ספר שו"ת צמח צדק שייך להמלבי"ם און זיין שווער, ספר מיט חתימות הגאון ר' יעקב יהושע הלוי הורוויץ א אייניקל פון הפלאה און א איידעם ביי הגאון ר' אפרים זלמן מרגליות פון בראד, אויך פון זיין זון הגאון ר' פינחס, סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר, שלש ספרים מיט חתימת הרה"ק ר' שלום הלברשטאם פון פיעקוב א זון פון הרה"ק ר' אהרן קרייזער רב זון פון דברי חיים, 3 גמרות באלאנגט צו הרה"ק ר' חיים יעקב מקאמארנא מיט הגהות כת"י, ספר דרשות באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מילר עם קצת הגהות ממנו.

לזכות הרבים קענט איר דרוקען דעס גליון און טיילן ביי אייך אין קאנטרי

**4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

**גאר שיינע זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן אין פלאסטיק האלטער'ס, אויך פארקויפן מיר האלטער'ס פאר מטבעות**